**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען א פריילעכע צייט ביי דער האמניק משפחה אין ווינטער תשי"ב, ווייל דער עלטסטער זון יעקב יצחק איז געווארן א חתן. איין פרייטאג אינדערפרי, באלד נאכדעם וואס די שידוך איז געווארן, איז יעקב יצחק געפארן אין שטאט צו קויפן א רינגעל פאר די ארוסים. זיין טאטע האט אים געגעבן א גרויסע סומע געלט כדי יעקב יצחק זאל קענען קויפן דעם רינגעל אויף 47 סטריט.

זיין טאטע האט געמאכט א רשימה פון נעמען פון דימאנד סוחרים און ער האט געהייסן אז יעקב יצחק זאל זיי באזוכן כדי צו טרעפן דעם שענסטע שטיין פאר א גוטען פרייז. אבער עס איז געווען שווער פאר יעקב יצחק צו טרעפן א גוטן שטיין. אלע שטיינער האבן אויסגעקוקט אזוי שיין, און ער האט נישט געוואוסט וועלכע צו נעמען. עס איז געווארן שפעט, און עס איז געווען ערב שבת אין ווינטער צייט. אבער יעקב יצחק האט געמיינט אז ער וועט באלד טרעפן דעם ריכטיגען שטיין. נאך אביסל מער זוכן, האט יעקב יצחק געקוקט אויפ'ן זייגער און ער האט דערזען אז עס איז געווארן גאר שפעט, און ער האט נישט געקויפט קיין רינגעל. נאר ער האט געמוזט שוין אהיים פארן מיט דעם באן (סאבּ-וועי).

באלד דערנאך איז ער געגאנגען צו דעם באן. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ אויפ'ן באן און ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן דעם רינגעל און אנדערע פלענער פאר זיין חתונה. כאטש עס איז געווען שוין גאר שפעט, און דער זמן איז געווען גאר פרי, האט ער געטראכט אז ער וועט זיכער אנקומען באצייטענס.

פלוצלינג, האט ער געשפירט א זעץ, און דער באן האט זיך אפגעשטעלט. דער באן-פירער האט אויסגערופן פון דעם ספיקער "זייט איר אלע מוחל, אבער אונזער באן האט פראבלעמען און עס קען נישט פארן וויטער ביז מען וועט עס פאררעכטן. מיר האפן עס צו ערלעדיגען ווי שנעלער, כדי מיר זאלן קענען פארן וויטער. ביטע זיצט זיך אלע רוהיגערהייט פאר א פאר מינוט. א דאנק."

די אנדערע מענטשן אויפ'ן באן האבן זיך אוועקגעזעצט רוהיגערהייט. אבער, יעקב יצחק איז געווארן אומרוהיג. וועט מען טאקע פאררעכטן דעם באן אין א פאר מינוט? ער האט נישט געהאט קיין איבריגע מינוט. דער באן האט זיך אפגעשטעלט אין א פלאץ וואו ער האט נישט געקענט אראפגיין. עס איז שוין געווען וועניגער ווי א שעה און האלב פאר'ן זמן הדלקת נרות! יעקב יצחק איז געזעסן אויף זיין פלאץ, האפענדיג אז דער באן וועט שוין פארן!

ער האט געווארט כמעט א שעה, פאר דער באן האט זיך אנגעהויבן צו פארן נאכאמאל. ער האט שוין געזען אז ער וועט נישט קענען אנקומען באצייטענס. האט ער שוין געדארפט אראפגיין ביים נעקסטען סטאפ, נישט קיין חילוק וואו, און אהיימגיין צו פוס. די נעקסטע סטאפ איז געווען "קאנארסי" אין ברוקלין. ווען דער באן איז סוף כל סוף אנגעקומען צו דער סטאפ, איז עס שוין געווען עטליכע מינוט פאר'ן זמן. יעקב יצחק איז ארויסגעלאפן פונעם באן, ער וועט דארפן גיין צו פוס א לאנגע וועג אהיים. אבער, ער האט געהאט אן אנדערע פראבלעם, ער האט געהאט א גרויסע סומע געלט אין טאש, די געלט פון זיין טאטע צו קויפן דעם רינגעל וואס ער האט למעשה נישט געקויפט צום סוף. און, עס איז נישט געווען דארט קיין עירוב. וואו וועט ער קענען לייגן דעם געלט? ער האט געקוקט אויפ'ן זייגער, און עס האט געוויזן אז עס איז א פאר מינוט פאר'ן זמן. וואס וועט ער טון?...

מיר ליינען וועגן דעם הייליגקייט פון שבת אין די וואכעדיגע סדרה. ביים סוף פרשה, רעכענט אויס די הייליגע תורה די דאזיגע קרבנות וואס דער אייבערשטער באפעלט אונז צו מקריב זיין אין שבת, ראש חדש און די ימים טובים. וועגן די שבת'דיגע קרבנות שטייט אין תורה "עלת שבת בשבתו וגו'" (במדבר כח,י) פארוואס שטייט די דאפעלטע לשון פון "שבת בשבתו"? מען קען עס אפשר פארשטייען אזוי: "עלת שבת" איז א מרמז אויף די רוחניות'דיגע עליה וואס א איד האט אין שבת. "עלת שבת בשבתו..." מיינט אז די עליה וואס א איד האט אין שבת קודש איז דאך גרעסער ווי די עליה פון אלע טעג אין די וואך. עס איז דא אפשר א שטיקל רמז צו דעם ענין אין חז"ל. אזוי ווי דער הייליגער אמורא אביי זאגט: "אמר קרא: 'עלת שבת בשבתו' ולא עולת חול בשבת וכו'" (שבת כד:) ד"ה די עליה וואס מען קען שפירן אין די וואך איז נישט אזוי ווי מען שפירט אין שבת. יעצט לאמיר ענדיגען די מעשה...

יעקב יצחק איז אראפגעגאנגען פונעם באן און ער איז ארומגעלאפן אפאר מינוט ביז ער האט געטראפן א פלאץ וואו ער וועט קענען אפשר אוועקלייגן דעם געלט. ער איז אריינגעגאנגען אין א געוויסן געשעפט און ער האט געפרעגט דעם סוחר אויב ער איז א איד. דער סוחר איז געווארן אומרוהיג און ער האט געפרעגט יעקב יצחק פארוואס ער וויל וויסן אויב ער איז א איד.

יעקב יצחק האט ארויסגענומען דעם געלט פון טאש און ער האט געזאגט פאר'ן פרייען אידישען סוחר "איך בין שומר שבת, איך מוז אהיימגיין, אבער איך קען נישט טראגן. איר קענט אפשר אוועקלייגן דעם געלט פאר מיך? איך וועל צוריקקומען נאך שבת צו אפנעמען דעם געלט..."

מיט די ווערטער האט יעקב יצחק איבערגעגעבן דעם געלט און ער איז ארויסגעגאנגען פונעם געשעפט. נאך א לאנגע וועג גיין איז ער אהיימגעקומען, ווען עס איז שוין געווען נאכט.

מוצאי שבת זענען יעקב יצחק און זיין טאטע געפארן צו דעם געשעפט. זיי האבן באגריסט דעם סוחר און ער איז געגאנגען ברענגען דעם געלט. ווען דער סוחר איז צוריקגעקומען מיט די געלט, האט יעקב יצחק באמערקט אז דער סוחר האט געהאט רויטע אויגן וואס זענען געווען נאס פון טרערן.

"איז אלעס אין ארדנונג?" האט יעקב יצחק געפרעגט דעם פרייען איד. דער עלטערער איד האט ארויסגעלאזט א קרעכץ, און געזאגט: "איך האב געווויינט דעם גאנצן טאג. ווייסט איר ביידע, אז ווען איך בין געקומען קיין אמעריקע אסאך יארן צוריק, האב איך שטארק געוואלט היטן שבת אזוי ווי איך האב געטון אינדערהיים. אבער איך האב ארומגעקוקט און איך האב געזען אז כמעט קיינער היט נישט שבת, און ליידער בין איך נאכגעשלעפט געווארן מיט זיי און איך האב אנגעהויבן צו ארבעטן שבת. איך האב שוין יארן לאנג נישט געטראכט פון שבת. נעכטען ביסטו אריינגעקומען גלייך פאר שבת, און דו האסט דיך פארלאזט אויף מיך מיט אזא ריזיגע סכום געלט, כדי נישט צו מחלל זיין שבת. עס האט מיך מעורר געווען ,און וועגן דעם האב איך אנגעהויבן צו וויינען.

לאמיר זיך פרייען מיט דער "מתנה טובה" פון שבת, וואס דער אייבערשטער האט נאר געגעבן צו זיינע קינדער, די בני ישראל. דורך זיך דערווייטערן פון וואכעדיגע מחשבה, דיבור און מעשה אין שבת קודש, קענען מיר שפירן אן עכטע טעם אין שבת. דאן קענען מיר אלע זוכה זיין צו די ווערטער פונעם נביא "אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת ענג לקדוש ה' מכבד וכבדתו מעשות דרכיך ממצוא חפצך ודבר דבר. אז תתענג על ה'." (ישעיה נח, יג-יד) **גוט שבת אלע אידן.**